ה. ס'איז דאך רגיל אז מ'לערנט אן ענין אין אגה"ת, וואס ס'דא די רשימות פון'ם טאטע'ן וואס ער האט געשריבען ווי מ'האט גערעדט פריער אויף זהר און אויף תניא, און זיי זיינען ארויסגעקומען באופן של פדיון שבויים בעצם, און איצטער זיינען די רשימות אויף תניא זיינען יצא לאור און זיי זיינען מצוי פאר יעדער איינער וואס וויל דאס האבן.

וואס די ערשטע הערה וואס ס'דא אויף אגה"ת איז דאס אין פרק ג' וואו דער אלטער רבי זאגט "ואם חטא בזה עשר או עשרים פעמים עד"מ", וואס דאס רעדט זיך וועגן דער חטא הידוע, וכמבואר אין ספרי מוסר אז דאס איז איינער פון די חטאים וועלכע זיינען מעכב ביאת המשיח, זאגט דער אלטער רבי אויף דערויף דעם לשון "ואם חטא בזה עשר או עשרים פעמים".

פארוואס כאפט אן דער אלטער רבי דוקא די צוויי דוגמאות פון עשר או עשרים? און פארוואס דארף ער ברייגנען צוויי דוגמאות און איינער איז ניט מספיק? שרייבט אויף דערויף דער טאטע אז פארוואס כאפט אן דער אלטער רבי דוקא די צוויי ענינים פון י' או כ', וויבאלד אז אט דער חטא איז פוגם במוח כמ"ש לקמן פרק ט' אז דער תיקון אויף דעם איז "הי' רגיל ללמוד דף א' ילמוד ב' דפים", דער ענין הלימוד וואס דאס איז במוח, וואס אין מוחין זיינען פאראן דריי ענינים, איז דער ענין פוגם בחכמה וועלכע איז א נקודה, וואס דאס איז דער ענין פון טפה, וואס דאס איז דער ענין פון אות י' וואס אין מספר איז אות י' צען, איז דערפאר זאגט דער אלטער רבי עשר, און אזוי ווי ס'פאראן דער ענין פון מילוי י', וואס דער מילוי איז א ו' און ד' וואס דאס איז נאך אמאל צען, איז דערפאר זאגט ער עשרים, וואס דאס זיינען די צוויי ענינים פון עשר או עשרים פעמים, און דערפאר אויך ווייטער דארט וואו ער רעדט וועגען די תיקון זאגט ער "יתענה כעשר תעניות בחורף א'", אע"פ אז דאס איז צווישן ביין און צען, אעפ"כ זאגט ער כעשר תעניות דערפאר וואס דער ענין איז פארבונדען מיט א א' שמספרו עשר. ע"כ איז די הערה.

וואס דא בלייבט ניט מבואר וואס דער טאטע האט דאס ניט מבאר געווען מצד דערויף וואס אויף דער גליון התניא איז ניטא קיין סאך ארט צו שרייבען און אויך מצד דער דוחק אין טינט וועלכע איז דעמאלט געווען, ביז וואנעט אז די מאמע האט געלערנט צו מאכן טינט פון פארשידענע גראזן, וואס דערפאר איז געווען די טינט פארשידענע קאלירן ווי מ'זעט אין דער כתב אז דער טינט איז פון פארשידענע קאלירן, וואס מצד דעם און מצד נאך סיבות האט דער טאטע ניט מבאר געווען דעם ענין.

וואס דא איז ניט פארשטאנדיק, ווי קומט דא אריין דער ענין פון מילוי? דער ענין פון מילוי דארף מען האבן בשביל הזולת, בשעת מ'רעדט מיט א צווייטער איז דעמאלט בכדי ארויס צו זאגן דעם י' דארף מען האבן דעם מילוי, משא"כ בשעת מ'טראכט פאר זיך, דארף מען ניט האבן קיין ענין פון מילוי, וואס דא רעדט זיך וועגען אן ענין וואס איז בינו לבין עצמו ובינו לבין קונו, איז וואס איז דא דער ענין פון מילוי?

ומיניה וביה: אויב מ'דארף האבן דער ענין פון מילוי, איז פארוואס ווייטער בשעת ער רעדט וועגען דעם תיקון זאגט ער ניט כעשרים תעניות, נאר ער זאגט נאר כעשר תעניות?

און אזוי אויך איז ניט מובן וואס דער אלטער רבי זאגט ווייטער "וכן לעולם" וואס בפשטות וויל ער זאגן אז ניט נאר עשר או עשרים פעמים, נאר וויפל עס זאל נאר ניט זיין, וואס לכאורה, דער אלטער רבי זאגט דאך אליין אז דאס איז מערניט ווי עד"מ, און גלייך נאך דעם זאגט ער אויך "דוגמא דקרבן חטאת שחייב להביא על כל פעם ופעם", איז וויבאלד אז פריער שטייט עד"מ און דערנאך שטייט דוגמא, איז לפניו ולאחריו באווארנט אז ער מיינט ניט דוקא עשר או עשרים נאר דאס איז מערניט ווי א משל, איז פארוואס דארף דער אלטער רבי מסיים זיין וכן לעולם? וכפי שיתבאר לקמן.



שיחות קודש - תשל ב / שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק (עמוד 477) 116115 הודפס מאוצר החכמה

ו. בנוגע דאס וואס רש"י שרייבט דא ח' מסעות אע"פ וואס אין א פריערדיקער ארט שרייבט רש"י ז' מסעות, ווייל דא רעדט זיך וועגן דברי תוכחה וואס משה רבינו האט געזאגט די אידן, אז בשעת מלך ערד איז געקומען שלאגן זיך מיט אידן האבן די אידן מורא געהאט און זיינען געלאפן אין א צווייטען ארט, וואס לכאורה איז דאך איין מאל גענוג, דו ביסט שוין אנטלאפן, ביסט שוין אוועק פון מלחמה, וואס לויפסטו ווייטער? ניין עס איז ניט גענוג, זיי זיינען אנטלאפן אין א דריטען ארט און אין א פערטען ארט, ביז מ'איז אוועק געלאפן צוריק אכט ערטער!

וואס לכאורה, נאך וואס האבן די אידן געדארפט אנטלויפן, זיי אליין האבן מנצח געווען מלך ערד במלחמה, און זיי האבן געזען ניסים, און עס איז געווען א נצחון גדול, איז בשעת מארגען קומט מלך ערד נאך אמאל שלאגן זיך, איז וואס לויפסטו אוועק?! דו האסט אליין געזען ניסים אז דער אויבערשטער איז מיט דיר, סיי נסים ביי מלחמת ערד און די ניסים פון מלחמת סיחון ועוג, איז וואס האסטו מורא! אעפ"כ לויפט ער אוועק, און ער לויפט אין איין ארט, האט מען דאך געקענט בלייבען דארטן, ניין, איז מען אנטלאפן אין א צווייטען ארט און אין א דריטן ארט ביז מ'איז אוועק געלאפן אכט ערטער. אויף וואס ווייזט דאס, אז דער פחד פון דעם גוי איז אזוי גרויס אז מ'האט זיך ניט אפגעשטעלט מיט אנטלויפן אין א צווייטען ארט, נאר מ'איז געלאפן אכט ערטער.

אע"פ אז מ'האט אליין געזען ניסים, איז אבער דער יצר הרע אן אומן במלאכתו און ער קומט צו גיין זאגן, אז אה"נ, נעכטען האסטו טאקע געזען ניסים, אבער ווער ווייס וואס וועט זיין היינט, עס איז דאך "אין סומכין על הנס", וואס דאס איז דער ענין פון עמלק, ער קילט אפ, ער שפרינגט אריין אין אן אמבטיא רותחת, און ער וועט זיך טאקע אפבריען, אבער אעפ"כ ביי דער וועלט איז דאס שוין ניט קיין אמבטיא רותחת, ער האט דאס אפגעקילט, אע"פ אז ער אליין בריט זיך אפ, און ער קומט שלאגן זיך מיט אידן און אפגעבריטע. עס איז געווען דער "ויחלוש יהושע את עמלק", אעפ"כ אין די אויגען פון דער וועלט האט ער דאס אפגעקילט, און אזוי איז דאס אויך דא, אז אע"פ וואס מ'האט אליין געזען ניסים און ניסים גלויים, איז דער פחד פאר דעם גוי געווען אזוי גרויס אז מ'איז אנטלאפן אין א צווייטען ארט ביז אין אן אכטן ארט און אויב ניט פאר די בני לוי איז ווער ווייס וואס וואלט געווען.

און דערפאר זאגט רש"י דא שמנה מסעות, דערפאר וואס דא וויל רש"י ארויסברייגען אז דער תוכחה איז געווען אויף דעם וואס מ'האט אזוי פיל מורא געהאט פארן גוי אז מ'איז אנטלאפן ניט נאר אין א צווייטען ארט וואו דער גוי איז שוין ניט געווען, נאר אויך אין א דריטען ארט, ביז אין אן אכט'ן ארט, וואס דערפאר איז דא נוגע וויפל ערטער איז מען געגייגען.

משא"כ דארט וואו רש"י רעדט וועגן דעם ענין אז זיי זיינען צוריק געגייגען אויפן וועג קיין ארץ מצרים, איז דארט איז נוגע וויפל מסעות זיי זיינען געגייגען אויף צו וויסן וויפל דרך זיינען זיי צוריק געגייגען, ע"ד דעם ענין פון "ויסב אלקים את העם דרך המדבר", אז ער האט דאס געוואלט מאכן א לענגערע דרך, איז עד"ז בשעת מ'האט געוואלט צוריק גיין קיין ארץ מצרים איז נוגע צו וויסן וויפל דרך איז מען געגייגען, איז דערפאר זאגט רש"י ז' מסעות ווייל מ'דארף וויסן וויפל דרך זיינען זיי געפארן און עס איז ניט אזוי נוגע די ערטער. (חסר הסיום)

ז. דאס וואס עס איז נוגע דער ענין פון מילוי י' דא אין אגה"ת, איז דאס דערפאר וואס בשעת ס'דא דער ענין פון דעם טיפה, איז דעמאלט "מזדעזע כל אבריו", אז דאס איז ניט נאר אן ענין שבחכמה, נאר דאס פועל'ט אויפן גאנצן גוף, אויף אלע כוחות.

וואס אין דערויף גופא זיינען פאראן צוויי ענינים, ס'דא ווי אלע כחות זיינען כלול אין חכמה, סיי בינה ודעת און מדות זיינען פאראן אלע ווי זיי זיינען כלול אין חכמה, און עס איז פאראן דער ענין החכמה ווי זי איז למעלה מכל הכחות, דער נקודת החכמה אליין.



שיחות קודש - תשל ב / שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק (עמוד 478) 116115 הודפס מאוצר החכמה

און דאס איז דער ענין וואס דער אלטער רבי שרייבט ואם חטא בזה עשר או עשרים פעמים, וואס עשר איז דאס דער ענין פון נקודת החכמה ווי עס איז העכער פון כולל זיין אין זיך די אנדערע כחות, מערניט ווי א נקודה אליין וואס דאס איז דער ענין פון א י', עשר, וואס דאס איז אויך דער ענין פון טפה,

און דאס איז אויך וואס דער רמב"ם שרייבט אין הל' דעות אז דער ענין פון דעם טיפה איז דאס "מאור עיניהם של האדם", וואס דער רמב"ם שרייבט ניט דעם לשון אור עיניהם נאר דעם לשון מאור עיניהם, וואס מאור ווייזט דאך אויף אן ענין פון מקור, אור איז דאס שוין ווי דער ענין ווערט נתפשט לחוץ, משא"כ מאור ווייזט דאך ניט אויף אן ענין שבהתפשטות נאר אויף דעם מקור פון דעם ענין, ווי עס שטייט ביי זיך, וואס דאס איז מתאים מיט דעם וואס מ'זאגט אז אט דער חטא איז פוגם בחכמה, וואס חכמה איז דאך נאר א נקודה, ניט בהתפשטות, נאר דער מקור אויף אלע כחות, וואס דאס איז דער ענין פון מאור.

און דערנאך איז דא דער ענין פון עשרים פעמים, וואס דאס איז דער ענין פון מילוי י', וואס דאס איז ווי אלע כחות זיינען כלול אין חכמה, וואס דערפאר איז דער מילוי פון א יו"ד אותיות ו' און ד', וואס ד' ווייזט דאך אויף ספירת המלכות, און א ו' איז דאס דער ענין המדות, וואס דאס איז אלץ דער מילוי יו"ד, ד.ה. ווי אלע כחות שטייען כלול אין חכמה, וואס מצד דערויף שרייבט דער אלטער רבי אויף עשרים פעמים דערפאר וואס אט דער חטא איז פוגם ניט נאר אין עצם נקודת החכמה וועלכער איז העכער פון כולל זיין אין זיך מדות, נאר דאס איז אויך פוגם אין אט דער ענין אין חכמה וועלכע איז כולל אין זיך די אלע איבעריקע כוחות, וואס דאס איז דער ענין פון עשרים, דער יו"ד במילוי, חכמה ווי עס איז כולל אין זיך אלע כחות.

און דערנאך לייגט צו דער אלטער רבי וכן לעולם, אז ניט נאר איז דער חטא פוגם אין מדות ווי זיי זיינען נאך כלול אין חכמה, נאר וכן לעולם, דאס פועל'ט אויף אלע כחות ווי זיי קומען שוין אראפ אין עולם, ווי זיי ווערען נתגלה במקומן, איז אויך דארט רירט אן אט דער חטא, אז ניט נאר איז דאס מעלים אויף זיין שכל נאר דאס איז מעלים אויך אויף זיין מדות, זיין אהבה ויראה ווי זיי שטייען בהתגלות במקומן.

און אויף דערויף גייט אט דאס וואס דער אלטער רבי שרייבט ווייטער דומיא דקרבן חטאת שחייב להביא על כל פעם ופעם, וואס לכאורה איז דאך ניט פארשטאנדיק, ווארום דער ענין אז קרבן חטאת איז מען חייב להביא על כל פעם ופעם האט אין זיך אנתבאי, אז ווען דארף מען ברייגנען א קרבן פאר יעדער חטא, איז דאס דוקא בשעת עס איז דא א ידיעה בינתיים, אז אויב ער האט זיך דערוואוסט צווישן איין מאל ביז'ן צווייטען אז ער האט חוטא געווען, איז דעמאלט דארף ער ברייגנען א קרבן מיוחד פאר יעדער חטא, ווי איז אבער אז עס איז ניט געווען קיינע ידיעה, אז ער האט זיך ניט דערוואוסט פון איין מאל ביז דעם צווייטען מאל אז ער האט חוטא געווען, איז דעמאלט דארף ער ניט ברייגנען א קרבן מיוחד לכל חטא וחטא, נאר ער קען יוצא זיין מיט ברייגנען איין קרבן, איז דאס מכפר אויף אלע פון די עבירות.

וואס לכאורה דא אין אגה"ת, וויבאלד אז אט דער חטא האט פוגם געווען במוח, איז דאך ניטא קיין ידיעה, איז פארוואס דארף מען פאסטן עשר או עשרים פעמים? פון קרבן חטאת איז דאך קיין ראי' ניט ווייל דארט רעדט זיך וואו ס'פאראן א ידיעה בינתיים, אבער דא וואו מ'האט פוגם געווען במוח איז דאך ניטא קיין ידיעה, דארף מען דאך לכאורה קענען פאסטן איין מאל פאר אלע עבירות?

איז אויף דעם דא דער ענין וואס דער אלטער רבי האט דא צוגעלייגט "וכן לעולם", אז דער חטא איז פוגם אין מדות ווי זיי קומען שוין אראפ אין עולם, ווי זיי שטייען במקומן בלב, איז אויף דעם איז שוין פאראן א ראי' פון קרבן חטאת, אז פונקט ווי א קרבן חטאת איז חייב להביא על כל פעם ופעם, איז אזוי אויך אט דער פאסטן דארף זיין כפי מספר הפעמים אשר חטא.



שיחות קודש - תשל ב / שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק (עמוד 479) 116115 הודפס מאוצר החכמה

אבער באמת דארף מען אפילו צו דעם ניט אנקומען, ווייל דאס וואס א קרבן חטאת איז חייב להביא על כל פעם ופעם בשעת עס איז פאראן די ידיעה, מיינט דאס נאר א ידיעה וועלכער איז שייך צו דער מסקנא, אז מ'ווייס אז דער ענין איז א חטא, וואס דאס איז פאראן אפילו ביי דער חטא, אז אע"פ אז דאס איז טאקע פוגם במוח און עס פעלט דער ענין פון ידיעה, איז אבער דער ענין פון ידיעה וועלכער איז שייכות אל המסקנא, צו דעם פועל, איז דער ענין נאך אלץ פאראן, וואס דערפאר דארף ער פאסטן כמספר הפעמים אשר חטא. (ענין זה נרשם בקיצור, וחסר כמה ענינים, ואינו ברור)

און דאס איז אויך די הוראה לכל אחד ואחד, אז וויבאלד אט דער חטא איז דאך איינער פון די חטאים וועלכער זיינען מעכב דער גאולה, דארף דאך זיין דער ענין התשובה אויף דעם, ובפרט אז ער ווייס אז ענין חטא זה איז ניט נאר אז דאס פוגם במוחו נאר דאס איז אויך מונע ומעכב ומעלים ומסתיר אויף זיינע מדות, אויף זיין אהבה ויראה, וועט ער דאך זיכער שטארק תשובה טאן אויף דעם ענין.

ועי"ז וואס ער טוט תשובה און דערנאך פועל'ט ער אז א צווייטער איד זאל תשובה טאן און נאך א איד זאל תשובה טאן, וועט מען צוקומען צו דער גאולה האמיתית והשלימה וכהלשון, ישראל עושין תשובה ומיד הן נגאלין.

ח. דער ביאור אין פירוש רש"י וועט ווערן פארשטאנדיק פון א פריערדיקע רש"י, וואס גלייך פאר אונזער פסוק איז רש"י מפרש אז דער ארון וועלכער משה רבינו האט געמאכט אויף אריין צו לייגען די לוחות שניות נאך פאר דעם וואס דער משכן איז אופגעבויט געווארן, איז דער ארון פלעגט ארויסגיין מיט אידן למלחמה, משא"כ דער ארון וועלכער בצלאל האט געמאכט, איז דאס קיין מאל ניט ארויס מיט אידן במלחמה מערניט ווי בימי עלי און דאס איז טאקע נשבה געווארן דעמאלט.

וואס דאס איז אלץ דעת רש"י אז זיי זיינען געווען צוויי באזונדערע ארונות, איינער וועלכע משה האט געמאכט וועלכע איז ארויס מיט אידן במלחמה, א צווייטער וועלכער בצלאל האט געמאכט בשעת עס איז געווען דער ציווי למלאכת המשכן.

עס איז אבער ידוע דער רמב"ן וואס ער שרייבט אויף דעם אז דאס איז א דעת יחיד, און ער איז מפרש אז עס איז געווען מערניט ווי איין ארון, דער זעלבער ארון וועלכער איז געלעגן אין קדשי הקדשים, איז דער זעלבער ארון ארויס מיט אידן למלחמה, קיין אנדערע ארון איז ניט געווען.

וואס בכלל קען מען ניט זאגן אז ס'דא א פלוגתא אין מציאות, וואס אפילו דער ענין פון אלו ואלו דא"ח איז אויך שווער צו פארשטיין, גיט מען דאך אבער די הסברה אז נאר איצטער איז די הלכה ווי ב"ה אבער לע"ל וועט זיין די הלכה ווי ב"ש, אבער אויף צו זאגן אז ס'דא א פלוגתא אין א מציאות בגשמיות, איז דאס קען מען ניט זאגן.

וואס רשי"ס הכרח צו זאגן אז ס'געווען צוויי ארונות, איז פשוט אז דאס איז פון דעם וואס עס שטייט אין פסוק "ואעש ארון", אז משה רבינו האט געמאכט אן ארון, וואס רש"י לערנט דער פסוק בפשטות, מוז מען דאך זאגן אז עס איז געווען צוויי ארונות וואס איינער פון זיי איז געגאנגען למלחמה, אזוי ווי עס שטייט אין פסוק "וארון ברית ה' הולך לפניהם", און אזוי אויך ביי יריחו איז דער ארון געגאנגען, וואס דאס איז אלץ דער ארון וועלכער משה רבינו האט געמאכט וואס אין דעם זיינען געלעגן די שברי לוחות, און דערנאך איז געווען דער צווייטער ארון וועלכער בצלאל האט געמאכט וואס אין דעם איז געלעגן די לוחות שניות,

משא"כ דער רמב"ן לערנט אז ס'געווען מערניט ווי איין ארון, און דער זעלבער ארון איז ארויס געגאנגען מיט אידן למלחמה.

וואס נאך א הכרח קען מען זאגן לפירוש רש"י פארוואס מ'מוז זאגן אז ס'געווען צוויי ארונות, איז דאס פון דעם וואס עס שטייט אין פסוק "ואל יבוא בכל עת אל הקודש", אז מ'האט דאך ניט געטארט אריין אין קדה"ק נאר יוה"כ, וואס לפי"ז איז



שיחות קודש - תשל ב / שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק 116115 (עמוד 480) הודפס מאוצר החכמה